**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/8/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 7.6 מיליאן דאלאר געשאנקען צו בויען 22 יוניטס פון שטיצנדע האוזינג אין ערי און סטויבען קאונטיס

### *וועט שאפן 22 יוניטס פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר עלטערע מענטשן און פאר געוועזענע היימלאזע הויזגעזינדער*

### *דעוועלאפמענטס בויען ארויף אויף גאווערנער'ס פארפליכטונג צו פארגרעסערן די סופליי פון שטיצנדע און אפאָרדעבעל האוזינג אריבער ניו יארק סטעיט*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 7.6 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן פאר צוויי פראיעקטן אין ערי און סטויבען קאונטיס וואס וועלן שאפן 22 יוניטס פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג פאר מענטשן און פאמיליעס וועלכע זענען דורכגעגאנגען היימלאזיגקייט.

"עס קומט זיך פאר יעדן ניו יארקער צו האבן צוטריט צו א זיכערע און אפאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן א היים — באזונדערס פאר די שוואכסטע צווישן אונז", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענט וועלן גיבן פאר געוועזענע היימלאזע עלטערע ניו יארקער צוטריט צו סערוויסעס וואס זיי דארפן צו בליהען אין זייער קאמיוניטי."

די גרענטס – געשאנקען אין א פראצעדור צו אויסגעוועהלן די בעסטע פארשלאגן דורך די אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף'ס (Office of Temporary and Disability Assistance) 'היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם' (Homeless Housing and Assistance Program, HHAP) – זענען א וויכטיגע באשטאנדטייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען.

מיט די לעצטיגע גרענטס, האט די HHAP שוין אוועקגעלייגט מער פון 98 מיליאן דאלאר פון די 128 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג וואס איז צוגעטיילט געווארן דערפאר אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024. די פראיעקטן וואס האבן באקומען פינאנצירונג רעכענען אריין:

- **People Community Housing Development Corporation and People Inc.** - 2.7 מיליאן דאלאר צו דעוועלאפען זיבן יוניטס פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג אין האמבורג פאר עלטערע מענטשן וואס זענען אריבער היימלאזיגקייט. דער פארגעשלאגענער פראיעקט, גערופן Juniper Apartments, נעמט אריין די קאנסטרוקציע פון צוויי געביידעס מיט א סך הכל פון 65 אפאָרדעבעל אפארטמענטס וואס וועלן אויך באדינען ערוואקסענע מיט נידעריגע איינקונפט, אריינרעכענענדיג די פון 55 יאר און עלטער. שטיצע סערוויסעס, צוגעשטעלט דורך People,

Inc., רעכענען אריין קעיס מענעדזשמענט, טרענירונג פאר לעבנס סקילס, נוירסינג שטיצע, סערוויסעס צו זיין א פארטרעטער צו באקומען באצאלונגען און קאונסעלינג סערוויסעס.

- **Housing Visions Consultants, Inc.** - 4.9 מיליאן דאלאר צו דעוועלאפען 15 יוניטס פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג אין קארנינג פאר געוועזענע היימלאזע מענטשן און פאר מענטשן פון 55 יאר און עלטער. עס איז טייל פון א גרעסערער פראיעקט, גערופן Parish Heights, וואס וועט אויך בויען 30 אפאָרדעבעל אפארטמענטס און אזוי אויך א דעי קעיר פלאץ. דער פראיעקט, וואס האט אויך באקומען פינאנצירונג דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט'ס Restore NY פראגראם, רעכנט אויך אריין די באדייטנדע רענאוואציע פון אן עקזיסטירנדע געביידע און די פרישע קאנסטרוקציע פון א וואוינונג געביידע. שטיצע סערוויסעס וועלן צוגעשטעלט ווערן דורך Corning Council for Assistance and Information for the Disabled, Inc., און זיי וועלן אריינרעכענען קעיס מענעדזשמענט, קריזיס אינטערווענץ, לעגאלע און פינאנציעלע הילף, ערהוילונג סערוויסעס, גייסטישע געזונטהייט שטיצע און מעדיצינישע, ארבעטס סקילס און דזשאב-זוכעריי סערוויסעס.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף צייטווייליגע קאמישאנער, בארבארע סי. גווין, האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג פון דעם היימלאזע האוזינג און הילף פראגראם אין די פראיעקטן וועט צושטעלן פאר עלטערע מענטשן וואס זענען אריבער היימלאזיגקייט קביעות'דיגע האוזינג און אויפן-ארטיגע צוטריט צו די וועזנטליכע שטיצע סערוויסעס וואס זיי דארפן צו קענען ערגרייכן און אויפהאלטן סטאבילע לעבנס אין זייערע קאמיוניטיס. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו נעמען שריט צו פארגרעסערן די סופליי פון פערמאנענטע שטיצנדע האוזינג אריבער די סטעיט צו מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל און איינוואוינער-פריינטליך פאר יעדן."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "שטיצנדע האוזינג איז א צענטראלע עלעמענט פון אונזערע באמיאונגען צו פארזיכערן אז די מערסטע עמפינדליכע ניו יארקער האבן צוטריט צו זיכערע און ביליגע האוזינג, און אזוי אויך צו סערוויסעס וואס קענען פירן צו בעסערע געזונטהייט תוצאות, ווי קאונסעלינג, נוירסינג שטיצע און מעדיצינישע סערוויסעס. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע פירערשאפט ביים צושטעלן די קריטישע אינוועסטירונגען פאר געוועזענע היימלאזע עלטערע מענטשן וואס וועלן העלפן זיכער מאכן אז זיי בלייבן אין א סטאבילע סביבה מיט צוטריט צו נויטיגע הילף."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "Restore NY איז א טייל אויף וואס מיר קענען נישט מוותר זיין אין אונזערע עקאנאמישע אנטוויקלונג כלים צו אונטערהייבן און צוריק אויפבויען קאמיוניטיס. די וויכטיגע אינציאטיוו וועט צושטעלן וועזנטליכע פינאנצירונג פאר שטיצנדע האוזינג דעוועלאפמענטס, פארזיכערנדיג אז ניו יארקער פאר וועם עס קומט זיך דאס האבן א ערליכע און אפאָרדעבעל פלאץ צו פאררופן א היים און א מער סטאבילע און לעבהאפטיגע צוקונפט."

**סטעיט סענאטאר פעטריק מ. געליוועןן האט געזאגט,** "די פראיעקטן וועלן גיבן אפציעס פאר פאמיליעס און מענטשן וואס זענען אין נויט פון שטיצנדע און אפאָרדעבעל האוזינג. דורכן דאס מאכן מעגליך פאר מער מענטשן צו וואוינען זעלבסטשטענדיגערהייט, טוהען פראיעקטן פון די סארט בארייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער פון אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגליד פיל פאלמעסאנאָו האט געזאגט,** "דער וויכטיגער פראיעקט וועט גייען א לאנגע וועג ביים אדרעסירן די נויט פאר אפאָרדעבעל און ענווייראמענט-פריינטליכע האוזינג אין אונזער קאמיוניטי. פינאנצירונג פאר דעם פראיעקט וועט ארויפבויען אויף די שטארקע שותפות פון די קאמיוניטי און לאקאלע

סערוויס פּראָווײַדערס צו בויען פולשטענדיג-צוגענגליכע און צופאסנדע האוזינג יוניטס פאר נויטבאדערפטיגע מענטשן פון מערערע דורות און מיט פארשידענע שטאפלען פון איינקונפט. א דאנק פאר די NYS אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף פארן אנערקענען די נויט און שטיצן אונזער קאמיוניטי."

**People, Inc. פרעזידענט און CEO, ען מעקקעפרי, האט געזאגט,** "דער Juniper Apartments פראיעקט אדרעסירט א פיל-דאקומענטירטע נויט סיי פאר שטיצנדע און סיי פאר אפּאָרדעבעל האוזינג אין די געגנט. די גרענט איז א קריטישע שטופ פאר אונזערע באמיאונגען צו שאפן א צוקונפט וואו יעדער איינער האט צוטריט צו האוזינג פון זייער אויסוואהל. מיר זענען דאנקבאר פאר די פינאנצירונג וואס ברענגט אונז נאענטער צו די שאוולעך ווערנדיג אריינגעגראבן אין די ערד פאר די קריטישע דעוועלאפמענט."

**Housing Visions Consultants, Inc. פרעזידענט און CEO, בען לאַקוואוד, האט געזאגט,** "עס איז א פארגעניגן פאר Housing Visions צו באקומען די HHAP גרענט בשותפות מיט אונזער סערוויס פּראָווײַדער, די AIM Independent Living Center וואס וועט פירן די אויפבויאונג פון אפּאָרדעבעל רענטעל האוזינג וואס בארייכערט די לעבנס פון שוואכערע עלטערע מענטשן אין סטיובען קאונטי און אין די סיטי אָוו קארנינג. די HHAP גרענט וועט אונטערטרייבן די איבערבויאונג און אויפלעבונג פון די געוועזענע St. Vincent de Paul קירכע אין קארנינג און דינען אלס א פאזיטיווע ביישפיל צו פונדאסנייע אויספלאנירן געוועזענע רעליגיעזע געביידעס און קאמפלעקסעס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן